STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11090

FUN POLYUS TSU POLYUS

Izi Kharik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איזי כאריק

פון פּאָליוס צו פּאָליוס



מ. פ. וו. ★ יונגסעקטער ★ מינסק ★ 1934

פרעמירט אפנ אלווײַסרוסלענדישנ קאָנקורס

אפנ בעסטנ קינדער־בוכ.

הילע, פאָרזאצ,
פ אָ ר ט ר ע ט נ
אוינ געמעלנ —

פונעמ קינסטלער
מ. זשיטניצקי.



באַם שײַטער.

נו, כאַווייִרים-פּיִאָנערן.
אָפּגערוט?
זײַט איר גרייט אציִנד צו הערן,
איז דאָך גוט.

כ׳מיין גאָרניט—מע דאַרף דאָס שטומען,
האַלטן צונג.
ס׳איז דאָך אויך דער רויטער זומער
זייער יונג.

איך מוז אויך זײַן שווער צו הערן,
זיצן שטיל,
ווען א הימל פול מיט שטערן
פירט א שפּיל.

כ׳וועל אײַך אויסזאָגן דעם עמועס—
איך אליין
וואָלט זיך איצטער אויך ניט שעמען
שפּילן גיין.

ווײַל ס׳איז עפּעס מאָדנע פריידיק,
נעם און לאַך.
ס׳דאכט—איך הייב אָן סתּם צו ריידן.
צו דער זאַך.

איך דערצייל ניט סתּם געשיכטעס—
ווינט און רויך,
כאָטש, איר ווייסט, איך בין א דיכטער,
כ׳קען דאָס אויך.

כ׳קען דערציילן סטראַשנע זאַכן,
סטראַשנערהייט...
האָב איך מוירע—איר וועט לאַכן:
— פּוסטע רייד.

אפֿ געוויס וואָלט איך עס קענען,
כ'האָב עס פֿײַנט,
ווײַל ס'איז טויזנט מאָל גאָר שענער
אונדזער הײַנט.

דאָס, וואָס מיר אַליין באַווײַזן
העלד—נאָך העלד,
דאָס איז דאָך די שענסטע מעשׂה
אפֿ דער וועלט.

געאָגראַפיע ווייסן אלע?

געאָגראַפיע ווייסן אלע?
אַפּ גענויס?
ווייסט איר דאָך פון בערג אוראַלער,
פון טיפלים.

פון מעטאַלן און פון ערצן —
מאַגניטבוי,
פון אַ יאַם, וואָס רופט זיך שוואַרצער,
וואָס איז בלוי.

און די מײַסע איז פֿאַרלאָפֿן,
דאַפּקע גאָר,
אױפֿן בײזן װײַסן צאַפּן
אױפֿן נאָרד.

װוּ ס'איז גאָר אַ קאַלטער װעטער,
פֿײַכט און בלײך,
פֿון קאַרעליע האָט געהערט װער?
טאַקע? אױך?

צו, זײַט איר דאָס פּיאָנערן,
כעװרע-לײַט,
איר האָט, קענטיק, גוט געלערנט.
צוזערצײַט

צו קאַרעליע כ'קער זיך אומעט,
צו דער זאַך.
אײַ, איז דאָרט געװען אַן אומעט
טאָג-װי-נאַכט.

ס'איז דער הימל דאָרט אַ בלאַסער
און די ערד—
אָדער בלאָטע, אָדער װאַסער.
גאָרנישט מער.

יאָ, פֿאַראַן נאָך פֿעלזן־שטיינער,
כמורנע, קאַלט.
וווּ־ניט־וווּ אַ דאָרף אַ קליינע,
ווילדער וואַלד.

אין די וועלדער בראָדזיענע בערן,
וואָיענע וועלף.
אויפֿן הימל בלאָנדזענע שטערן
בלוי פֿון קעלט.

בלאָנדזענע שטערן. בראָדזיענע בערן.
פֿויל און פֿײַכט.
ווען עס איז נאָר קען מען הערן,
ווי עס פֿאַלט אַראָפּ אַ שטערן
טיף אין טײַך...

נאַדוואָיצער וואַסערפאַל.

אין דעם דערפעלע נאַדוואָיצי
איז אויך קאַלט,
הודזעט דאָרט און ס'וואָיעט דאָרט א
וואַסערפאַל,

טוט דער וואַסערפאַל א פאַל דאָרט,
בלייבט נאָר שטויב.
סאַרא טומל! סאַרא גוואַלדן!
כאָטש ווער טויב.

און עס הערן זיך אפ מײַלן
טומפע קלעפ,
ווי די קלאָרע וואַסער-זײַלן
ברעכן קעפ.

טרעפט א יאַנטעוו צי א העלי׳
אין דעם דאָרף,
קומען אלטינקע קארעליער
צו דעם אָרט.

ווי די טאטעס, ווי די זיידעס.
אז עס ציט,
ס׳איז דער וואַסערפאל אן איידעס
פון וואָס ניט.

צוגעווינט פון לאנגע יאָרן
אָט דאָ שטיין.
ס׳האָט דעם וואַסערפאל געבאָרן
גאָט אליין.

. . . .

ב׳זע—איר הייבט אָן שטיל צו לאכן,
נו, איז לאכט.

וואָס זשע קען איך מיט אײַך מאַכן,
ווען אײַך ווילט זיך איצטער לאַכן.
קענט איר לאַכן, קענט איר לאַכן
אַף די שענסטע טויזנט שפּראַכן.

ווען עס לאַכן פּיאָנערן,
נעמען טרייסלען זיך די שטערן,
זיי הייבט אויך אָן ליכטיק ווערן,
ווען עס לאַכן פּיאָנערן.

אָפּגעלאַכט שוין. קענט איר הערן?
קענט איר ווידער ערנסט ווערן,
ווי עס קענען פּיאָנערן,
ווען זיי ווילט זיך עפּעס הערן?

איר ט׳מיך אופגעהערט צו הערן
צוליב גאָט,
דאַרף מען ווידער ערנסט ווערן,
נו איז אָט — — — —

ווענ ס׳פארטראכט זיכ אונדזער פירער.

אונדזער פירער, כאווער סטאלינ,
האָט געטראכט.
ס׳איז שוינ אָוונט צוגעפאלנ,
האלבע נאכט.

פונעמ ווײַסנ יאמ ביז באלטיק
און צוריק—
אזא בייזער, אזא קאלטער
מאטעריק.

אָזערעס און גרויע טײַכן
קאַלטע ערד.
דורכלייגן אַ וועג אַ גלײַכן
וואָלט זײַן ווערט.

ס'קען האָבן אונדז דער ים, דער ווײַסער
שיקן פיש.
און דאָס לאַנד וועט שיקן אײַזן
און וואָס נישט?

יאָמען צווײ, איר ווײַטע שכנים,
זײַט ניט פרעמד.
בעסער וואָלט איר זיך פאַררײַניקט,
געבן הענט.

כאָווער סטאַלין האָט פאַרבויגן
ווײַך דעם האַלדז.
און פאַר זײַנע הייסע אויגן
וואַקסט אויס אַלץ...

ווען ס'פאַרטראַכט זיך אונדזער פירער,
ווערט געראַם...
זיכער. מירן שוין דערפירן
יאַם צו יאַם.

דער פארטאָג מיט רויטנ פאָדעמ
שפּינט שוינ ווו.
קלינגט אָנ סטאלינ:—ווער? יאַגאָדע?
—גע-פע-או?

דו זאָלסט מעלדנ דיינע העלדנ—
ס'איז פאַראַנ.
אזא וויכטיקער אונ העלער,
גרויסער פּלאַנ.

האָב איכ דיר אונ דיינע טועד
דאָס פּאָרטרעט.
ענטפערט אָפּ יאַגאָדע רויק:
— אלע גרייט.



און די בוויגג הייבט זיך אָנעט.

און די בוויגג הייבט זיך אָנעט
לויט א פּלאַן.
עס בראָדזשען אום נאָך בא אונדז סאָנים
אין דעם לאַנד.

א פאַרברעכער, א צעשטערער,
א באַנדיט
און א שעדיקער א שווערער,
און וואָס ניט?

זיי אזעלכע און אזוינע—
סאמע פײַנט,
טאָרן דאָך מיט אונדז אינײנעם
גאָר ניט זײַן.

אָנטאָן קענען זיי אונדז צאָרעס
אלערליי.
דארפן מיר דאָך זײַן באוואָרנט
איצט פון זיי.

האָט מען זיי צונויפגעקליבן
און—אהער.
—נאָט אײַך ארבעט, בויט זיך איבער,
גוציק ווערט.

א ווײַסן יאַם פון איין זײַט נאָט אײַך.
אקוראט—
פון דער צווייטער זײַט: נעווא-טײַך,
לענינגראד.

דארף די פונקטן צוויי באהעפטן
א קאנאל.
איז מיט טעמפן! איז מיט קרעפטן!
איז מיט אלץ!

װער זשע פירט אָנ? װעלכע העלדנ?
װער? אונ װוּ?
אויב איר װייסט ניט, קענ איכ מעלדנ:
גע-פע-או.

האָט זי אופגעשטעלט בריגאַדעס,
אָפּגערעדט.
אונ עס גייט א קאַנאָנאַדע
אינ געװעט.

ס'גייט אנ אַרבעט—פלאַם אונ פײַער,
פונק אונ רויכ.
אַלצדינג נעמט מענ דאָ באַנײַענ
אונ זיכ אויכ.

יעדער האַקט מענ, שטיינער רײַסט מענ
מער אונ מער,
ס'װאַקסנ טויזנט-אונ-איינ מײַסעס
אַפ דער ערד.

אַלטע טײַכנ בויט מענ איבער,
נײַע—גראָב.
דער קאַנאַל, דער שיינער גיבער,
הייבט דעם קאָפּ.

וואָס מיר עסן? ווען מיר שלאָפֿן?
מען איז זאַט.
און עס גייט צום ווייסן צאָפֿן
לענינגראַד.



אײַזיק גאָגאָל.

כ'האָב דערווײַלע, מײַנע יאטנ,
גאָר פארגעסנ צו דערציילנ
פונ א כעזורעמאנ א ווילנ,
פונ א יונג אזא מינ בלאטנ.

ס'איז דער יונג געווענ אזא מינ
גרויסער, פוילער פוסטונפּאַסניק.
אָנ א טאטנ, אָנ א מאמענ,
לויפט ער אומ נאָר אפ די גאסנ.

אין די שולן ניט געלערנט,
בא די ביכער ניט געזעסן,
ניט געשלאָפן, ניט געגעסן,
א פאַרוואָרלאָזטער אפ סקווערן.

ס'איז דער יונג געווען פארליזיקט
און פאַרקויטיקט און צעשלאָגן.
ווילט איר, רופט ער אָן זיך—איזיק,
ווילט איר, רופט ער אָן זיך—גאַנאָל.

גיי און קלייב זיך גוט פאנאנדער,
ווער איז ער דאָס און פונוואנען.
נאָר ער וואלגערט זיך און וואנדערט
אפ די בופערס, אפ די באנען.

שרייבער מיט א נעבעך פאָנעם
פלעגן, נעבעך, גיסן טרערן:
— ס'איז אפ אים אזא ראכמאָנעם,
וואָס וועט, נעבעך, פון אים ווערן.

פלעגן זיי אין גרויסע ביכער
שטיל באוויינען אָט די קינדער.
כ'בין אינגאנצן נאָך ניט זיכער,
אויב זיי וויינען ניט אצינדער.

און דערווײַל האָט אונדזער אײַזיק,
אָט דער יונגער גאַנעוו גאָגאָל
אויפֿגעהערט אַרומצושפּרײַזן
און מיט אַלעמען זיך שלאָגן.

וואָס מיר גאַסן? ווען מיר סקווערן?
דאָס איז לאַנג שוין אויסגערונען.
גע־פּע־או האָט אין קאָמונע
אים געגומען פֿלײַסיק לערנען.

אונדזער גאָגאָל, אונדזער אײַזיק,
האָט זיך גאָר, ווי אומגעביטן.
פֿײַלט ער שטאָל און קאָוועט אײַזן
ווי אַ מײַסטער אַ געניטער.

ווו איז אײַזיק? אין די צעכן,
און אַ שלאָגלער ווער איז? אײַזיק.
ער ט׳אַליין גאָרניט גערעכנט,
וואָס ער וועט נאָך אונדז באַווײַזן.

און קיין סאַך האָט ניט געדויערט
ס׳איז אַדורך געציילטע יאָרן,
ווי דער אײַזיק איז געוואָרן
פֿון די אויסגעפּרוּווטע בויער.

מיטאמאָל איז ער פארפאלנ.
וואָס איז האָס מיט אימ געוואָרנ?
דאָס איז אײַזיק אָפּגעפאָרנ
צומ ווײַסיאמישנ קאנאל דאָרט.

כ'וויל ניט זינגענ דיפּיראמבנ *
אונ ניט קלאפּנ אימ אינ פּלייצע.
נאָר ער פירט אָנ מיט א האמבע
לעבנ דערפעלע נאדוואָיצי.

אונ די ארבעט, דארפט איר וויסנ,
איז דאָרט גאָר ניט פונ די לײַכטע.
גיי פּרוּוו אָפּשטעלנ די טײַך דאָרט,
זי זאָל מער ניט קענענ פליסנ,

אונ דער האסטיקער געוויסער
זאָל אינגאנצנ גײנ פארפאלנ.
אײַ, האָט מענ דאָרט אופגעריסנ
פעלז נאָך פעלז מיט אמאנאלנ.

אמאָנאל וואָס איז? א פּולווער,
אזא אופרײַס-שטאָפ א גרויסער.
א געפּלאַצ... אונ פלוצלונג דול ווערט,
אז די ערד גיט זיכ א טרייסל.

* זינגענ דיפיראמבנ—זינגענ לויבגעזאנגענ.

און די פעלזנ—דיאבאזנ
פלאצנ אופ אפ טויזנט שטיקער
פונ דעם טומל, פונ די גאזנ
ווערט דער הימל, האכט זיכ, שיקער.

נאָר בריגאדעס זײַנענ ניכטער,
גראָבנ זיי אינ פעלזנ שליוזנ.
הארטע פעלזנ? ס'י ניט וויכטיק,
ס'וועלנ אויכ די פעלזנ מוזנ,

נאָר ניט נעמענ פאַר אומגוטנ,
און זיכ אָפּרוקנ אביסל,
ווײַל דאָס וואסער דארפ איצט פליסנ
לויט גאָר אנדערע מארשרוטנ.

ווײַל די שיפנ דארפנ רויִק
שווימענ ביזנ יאמ ביז ווײַסנ.
הייסט עס—ארבעט אפ דער בויונג
אונדזער גוט-באקאנטער אײַזיק.

מעגט איר גלויבנ, צי ניט גלויבנ,
כאָטש איר גלויבט דאָכ מיר אוודע,
ער ט'געשאפנ א בריגאדע
פונ גאנאָווימ און פונ רויבער.

ער ט׳געשאַפֿן, גרינג צו זאָגן!
דאָס איז אָבער שווער צו מאַכן.
איינס און צוויי און נאָ דיר. שלאָגלער?
סי ניט פֿון די גרינגע זאַכן.

סאַמע רויבער און גאַזלאָנים,
אויסגעוועזן אין אַלע העקן.
וואָלט איר אָנקוקן אַ פּאָנעם,
וואָלט איר, זיכער, זיך דערשרעקן.

ני איז פּראָוואָט זיי אַגיטירן,
אַז זיי זאָלן ווערן שלאָגלער.
קומט צו גיין צום כאַוועער פּירין
אונדזער כאַוועער איציק גאָגאָל.

שאַ, איר מוזט דאָך גאָרניט ווייסן,
ווער איז דאָס דער כאַוועער פּירין:
פֿון די זיכערסטע טשעקיסטן,
פֿון די בעסטע קאָמאַנדירן.

אַף די פֿראָנטן זיך געשלאָגן.
זיך געשלאָגן מיט באַנדיטן.
וואָס האָט ער ניט דורכגעטראָגן?
וואָס האָט ער ניט דורכגעליטן?

דאָס איז איינמאָל שוין א דרייסטער
פֿון די עמעסע כאוויירים.
אמאָל וואָלט מען אין אלטע מייסעס
אים פֿאַרעכנט צו גיבוירים.

מע וואָלט אָנהייבן צו ברייען,
נימ געשטויגן, נימ געפֿלויגן,
ווי ער גיים אפֿ בייזע כייעס
מיט א גרויסן פֿייל-און-בויגן.

ווי פֿארצוקן וויל א וואָלף אים,
ווי א לייב וויל אים צערייסן,
וואָס טוט גאָט? ער האָט געהאָלפֿן...
און עס לאָזט זיך אויס די מייסע.

קורץ גערעדט, אז איינר איז ער
אפֿ איין פֿראָנט ניט דורכגעפֿאלן,
בוים ער איצטער סאָציאליזם
אפֿ ווייסיאמישן קאנאל.

וועל איך אייך אינקורצן זאָגן,
ער איז דאָרט דער סאמע פֿירער.
הייסט עס, קומט דער כאוזער גאָנאַל
צו דעם פֿירער כאַווער פֿירין.

און ער זאָגט אים:—איך, דער אײַזיק,
אָדער, ווי איך הײם דאָרט,—גאָגאָל,
וועל דיר קענען באַלד באַווײַזן
אַ בריגאַדע נײַע שלאָגלער.

אײנס אין אײנס, די עכטע יאַטן.
סאַמע צימעס פֿון דײַן לאַגער:
צוועלף גאַנאַווים כיטרעוואַטע,
צוועלף פּאַרוואָרלאָזטע בראָדיאַגעס.

כ'האָב דערקענט זײ. גוט באַקאַנטע.
אַלע צוואַנציק-פֿיר הולטײַעס.
דאָס איז דאָך מײַן אַלטע באַנדע,
מײַן מאַליקע כאַווראַיע.

איך האָב דאָך מיט זײ אינײנעם
ווו דו ווילסט ארומגעוואָגלט
און געגאַנוועט און געשלאָגן,
און די קעשענעס געריניקט.

נאָך אַכטיאָריקער צעשיידונג
כ'האָב באַגעגנט זײ אין לאַגער.
וואָס איז לאַנג נאָך דאָ צו ריידן?
אָט די גניוווישע בראָדיאַגעס.

אפ מײַנ דאמבע שטעל זיי, פירינ.
כ'ווייס: די ארבעט איז א שווערע.
נאָר באַדײַ איכ זאָל קראפירנ,
וועלנ זיי אויכ שלאָגלער ווערנ.

כ'וויל זיי העלפנ ווערנ מענטשנ,
ווי איכ בינ א מענטש געוואָרנ,
פאר די עטלעכע פאָר יאָרנ.
כ'האָב מײַנ גע-פע-או דערקענט שוינ:

דו האָסט וונדער דאָ באַוויזנ,
איכ וויל עטוואָס אויכ באַווײַזנ.
זאָל איכ גאָר ניט הייסנ אײַזיק
אונ ניט ווערט זײַנ סאָציאליזמ,

אויב איכ ענדיק ניט צום טערמינ
די נאָדוואָיצער גרויסע דאמבע.
פרעגט דער כאַווער פירינ:—ווערנאָ?
ענטפערט אָפּעט אײַזיק:—אַמבא

אײַזיק-גאָגאָל און זײַן בריגאדע.

אײַזיק רעדט מיט זײַנ בריגאדע
אונ ער טײלט זיכ מיט געדאנקענ,
גייט דאָ ניט קײַנ קאנאָנאדע,
נאָר אינ ווערטער א געראנגל.

אײנער זאָגט אים:—אײַ, דו גאָגאָל,
ביסט געוואָרנ א פארעטער,
דו ביסט ווערט מע זאָל דיכ שלאָגנ:
ביסט אוועק צו די סאָוועטנ.

און א צווייטער: — אָט א לעבן,
האָסטו פאַראַטן אונדזער באַנדע,
גייסטו איצט לויט דער קאָמאַנדע,
און די פרייהייט אָפּגעגעבן.

און א דריטער פון דער באַנדע
טײַנעט אײַנעט בייז און ברוגעז:
דו פירסט אָנעט מיט דער האַמבע,
האָסטו כאַטש אָפּ א פּאָר הויזן?

און א פערטער: — עסטו צעמענט
און פאַרבײַסט מיט קאָמוניזם?
איך האָב האַלט אליינ צו נעמען,
און איך לאָז דערנאָכהעם גריסן.

הייבט אָן סלינעוודיק צו ריידן:
— הער נאָר. וועמען פון אונדז ביידן
לעבט זיך פרייליכער און פרײַער.
און דער פינפטער פון כאַוורײַע

וויל איך, שפּײַ איך אפן לאַנגער,
און איך טו נישט אָפּ אזויפיל,
און ס'איז נאָך א גרויסע פראַגע,
אויב איך וועל נאָך נישט אַנטלויפן.

רעדט דער זעקסטער און דער אכטער,
אין דער צוואנציקסטער רעדט אויכעט.
איציק זיצט אלץ א פארטראכטער,
זעלטן גיט ער נאר א שמייכל.

און ער זאגט זיי:—עס איז שווער מיר,
כ'ווייס אליין ניט, ווי צו זאגן.
איר געדענקט?—אפ קאלטע סקווערן
וואלגערט זיך אן איציק-גאגאל.

ער פארגראבט זיך טיף אין גראזן,
אים זאל קיינער ניט דערלאנגען,
קומט איר און איר שנעלט אין נאז אים,
ווייל ער האט א נאז א לאנגע.

און איר רופט אים אנעט:—גאגאל
און איר לערנט: זיין א גאנעוו,
דעם—באגאנווע, דעם—גיי שלאגן,
דא—אפ בופערס, דא—אפ באנען.

פארן מיר זיך קיין קאלוגע
און פון דארטן קיין סימפעראפאל,
און איך מיין: איך בין א קלוגער,
וואס איך דארף ניט קיין צוקאפן.

און די אלע, וועלכע בויען,
וועלכע שפאנען אונטער פאָנען,
רופן מיר גאָר אָן:—בורזשויען.
און מיר האלטן זיי—פאר סאָנים.

און מיר מיינען, און מיר טראכטן,
אז מיר זיינען דאָס די פרייע.
וואָס זשע קענען מיר? פאראכטן.
וואָס זשע ווילן מיר? באשפייען.

ווי די הינט ארומגעוואנדערט.
ווי די וואנצן--גאָר אפ גרייטן.
איך דערמאָן זיך אונדזער באנדע,
פיל איך איצט אזא מין ווייטעק.

כ'שטעל א פראגע אייך א הארבע
און איך בעט אייך—זאָגט מיר, זאָגט מיר:
וואָס הייסט—טייטען פון אן ארבעט?
וואָס הייסט—פריידן פון א שלאָגלער?

איר וועט זאָגן:—פוסטע זאכן,
גאָגאָל ווערט אן אגיטאטער
נו, איז פרווט זיך, הייבט אָן לאכן:
גאָגאָל לעקט זיך צו די ראטן,

כ׳וועל אַף דעם אײַך גאָרנישט זאָגן.
און ניט ברוגעז זײַן קיין האָר ניט,
ווײַל דער אַלטער גאַנעוו גאַגאַל
איז אַן אַנדערער געוואָרן.

ער וואָלט קענען אײַך דערקלערן,
וואָס עס הייסט סאָציאַליזם,
ווי מען האָט דורך יאָרן שווערע
גרויסע וווּנדער דאָ באַוויזן.

דעמלט, ווען איר האָט געשיקערט
און געשפּיגן דורך די ציינער,
האָבן פּראָסטע באָלשעוויקעס
ניט געטראַכט פאַר זיך אַליין נאָר.

מע האָט בלוטיק זיך געשלאָגן
פֿאַר אַזעלכע פּראָמפּינפּלאַנען,
אַז אַפילע אײַזיק-גאַגאַל
זאָל ניט דאַרפן זײַן קיין גאַנעוו.

נאָר וואָס ווייסט איר פון דעם פּלאַן דאָ,
פֿון אָט דעם קאַנאַל, דעם וווּנדער?
אָט־אָ בוי איך דאָ א דאַמבע,
זאָגט איר, אַז דאָס איז ניט אונדזערס.

זאָג איכ אײַכ אָנ אגיטאציע:
מײַנ אמאָליקע כאוורײַע,
שליסט זיכ אײַנ אינ אונדזער פראצע,
יוערט די גאנצע וועלט אויכ אײַערס.

שטיל, עס שווײַגנ די גאנאָווים
אונ זײ זידלענ ניט אפילע.
רויִק שפּרײט זיכ אויס אנ אָוונט,
וועלכער איז הײַנט אזא שטילער.

דארפ מענ גײנ, אונ ס׳גײט ניט קײנער,
דארפ מענ רײדנ, שווײַגנ אלע.
קײנער, דאַכט זיכ, וויל ניט ווײנענ
איבער דעמ, וואָס איז פארפאלנ.

אײַזיק ווישט אָפּ מיד דעמ שטערנ,
נאָר די פײַכטע אויגנ גלאַנצנ.
ענטפערנ די פיר-אונ-צוואנציק
— הײסט עס, מירנ נאָכ באקלערנ...

אפן
טאָג
ערשט
אפן
אכטן,

וויפל קען די כעוורע טראכטן?
נו, א טאָג, נו דרײַ, נו, זיבן,
איז פּא אײַזיקן געבליבן
אפן טאָג שוין אפן אכטן.

קענטיק, אז אן אגיטאטער
איז ער גאָרניט פון די גרויסע.
אויב זיי טראַכטן נאָך, איז הייסט עס—
ער ט׳אומזיסטע רייד געפּאטערט.

הייסט עס, ווי? עס איז פארפאלן?
איז ער גיך צו זיי געלאָפן.
—אַנדערש ניט, ווי פילאָזאָפן.
זײַט איר דאָ געוואָרן אלע.

—אז ווי לאַנג וועט איר באקלערן?
זעט, עס זאָל אײַך ניט פארשאטן,
איר קענט ווערן פליכעוואטע
פון דער טראכטעניש דער שווערער.

—א בריגאדע איז פאראן דאָ?
אָדער איר זײַט ניט צופרידן?
ווילט איר ניט? איז ניט געפידלט.
קומט כאָטש אָנקוקן מײַן האמבע.

—קומט צו גיין. אף אלעם גרייטן
שטעלט זיך אוים דאָרט, ווי די קוקלעס.
מירן בויען. איר וועט קוקן,
ווי פאר אײַך עס טוען צווייטע.

—אײַך איז וואָס? עך, איר הולטײַעס.
וואָס זשע וועט פון אײַך דאָ ווערן?
—הייסט עס, וואָס איז דאָ צו קלערן,
האָט געענטפערט די כאווריַיע.

—וואָס איז ריידנ נאָכ פֿאראנ דאָ
אוּנ צוּ וואָס דײַנ אגיטירנ?
דוּ דארפֿסט האָבנ בריגאדירנ,
מיילע, שטעל אונדז אפּ דײַנ דאמבע.



א סאקאָנע אפ דער בויונג.

ווי זשע האלט מיט דער בריגאדע,
וועלכע אײַזיק האָט געגרינדעט?
שטעלט זיכ פאָר: עס גייט צו ווינטער.
ווארעמקײַט—ארומ פיר גראדוס.

דער קארעליער גרויער אָסיענ
גייט באלד איבער ווײַס אינ ווינטער.
אונ עס יאָגנ זיכ די אָסטנ
אונ עס ווילדעוועג די ווינטנ.

און דאָס דערפֿעלע נאַדוואָיצי
הערט ווי ס׳הילכט דער וואַסערפֿאַל דאָ,
ווי ער גוואַלדעוועט אין וואָיען,
ווי עס וואָיעווען די גוואַלדן,

ווי ער טאָלקעוועט און טײַנעט,
פּונקט, ווי מע וואָלט אים פֿאַרווונדעט,
ווײַל עס נעמען אים שוין אײַנעט
מעכטיקע בריגאַדעס הונדערטן.

באַלד וועט ער געדולדיק מוזן
אָפּשטעלן שוין דעם געווויסער,
און אין אויסגעהאַקטע שליוזן
וועט ער שוין געהאָרכזאַם פֿליסן.

ווי זשע האַלט מיט דער בריגאַדע,
יעלכע אײַזיק האָט דערצויגן?
איצטער שלאָפֿט זי אַקוראַט דאָ
מיט אַ מידקייט אין די אויגן.

זי האָט הײַנט אַ טאָג געשטורעמט
אין אַ מעכטיקער פֿאַרמעסטונג
און מיט גינציקייט און גוורע
זייער דאַמבע אַלץ געפֿעסטיקט.

מעג זי איצטער רויק שלאָפֿן,
ווײַל דער שלאָף איז א פֿאַרדינטער.
נאָר עס בײזערט זיך דער צאָפֿן
און עס גוואַלדעווען די ווינטן.

מעג זי איצטער רויק שלאָפֿן?
ניין, זי וועט ניט שלאָפֿן רויק.
ס׳איז אַן אומגליק דאָ פֿאַרלאָפֿן,
ס׳איז א דורכבראַך אױף דער בױונג.

עס האָט אופגעוואַכט דער יאַם דאָרט,
און די טײַך האָט אופגעשטעלט זיך,
גרויסע וועלן, ווי די פֿעלזן,
ווילן דורכרײַסן די דאַמבע.

קלינגען גלעקער אומגעהויער
אין דעם ווירבלדיקן וויכער.
—גיכער, גיכער, גיכער, גיכער!
—א סאַקאַנע אױף דער בױונג!

—גיכער, גיכער, נאָר ניט רוען!
—ס׳וועט די דאַמבע באַלד צעטראָגן!
און די גלעקער שלאָגן-קלאָגן:
—א סאַקאַנע אױף דער בױונג!

אײזיק? לאנג שוינ אפֿ די פיס ער,
זײנ בריגאדע? לאנג שוינ וואכ דאָ.
ס'גייט א וואכטע נאָכ א וואכטע
קעגנ שרעקלעכנ געוויסער.

כוואליעס—בופלאקסנ א סטאדע,
העלפאנדנ א גרויסע מאסע.
אײזיק קריכט מיט זײנ בריגאדע
ביזנ האלדז אינ ווילדנ וואסער.

אונ מע גרונטעוועט מיט פֿלאַמ דאָ,
אונ מע קרעמפעוועט מיט טאמ דאָ.
ס'איז א דורכרײַס אפֿ דער דאמבע,
דארפ מענ ראטעווענ די דאמבע.

אונ נאדוואָיצער קאָמיוגיסטנ,
פּיאָנערנ אונ פּארטייער
לויפנ אויכעט צומ געוויסער
העלפנ די קאנאל-ארמייער.

אונ דער עלטסטער פונעמ לאגער,
כאווער פירינ, יאָגט אהערצו.
אונ עס הילכנ הויכ די הערצער
בא די נעכטיקע בראָדיאגעס.

אלע צוואנציק-פיר, ווי איינער,
שלאָגן זיך פאר זייער דאמבע.
און זיי קרעמפעווען זי שווער מיט שטיינער,
און זיי פעסטיקן זי זאט מיט זאמדן.

ס'איז א נאכט דורכגעגאנגען,
ס'איז א טאָג אדורכגעפלויגן,
מ'עט ניט צוגעמאכט אן אויג גאָר
און מיט כוואליעס זיך געראנגלט.

אפן טאָג ערשטן אפן צווייטן
איז געקומען דער ניצאָכן.
פארקאָלייעטע-צעווייקטע
איז מען שטיל פון טײַך געקראָכן.

ווען ס'האָט אײַזיק זײַן בריגאדע
סטאם אזוי געפרעגט:—נו קאָנטעט?
האָט איין העלפט געזאָגט:—אווארע.
און די צווייטע העלפט:—א יאָנטעוו.

דער וואסערפאל הערט אופ צו וואָיענ.

און דאָס דערפעלע נאַדוואָיצי
הערט זיך צו,
ס'הערט דער וואסערפאַל אופ וואָיענ.
טויטע רו.

וואסערפאלנ בויט מענ איבער,
גראָב און גראָב,
ס'איז דער וואסערפאל, דער גיבער,
שוינ פארשטאָפט.

אזא שטילקייט אזא אומעט,
אזא רו.
—פארוואָס האָסטו אים צוגענומען,
גע-פּע-או?...

שרייט א גרויסער, ווילדער אומעט
אין דער רו,
—פארוואָס האָסטו אים צוגענומען,
גע-פּע-או.?..

און די הויכע קאָמסאָמאָלן
קומען אָן
מיט א בלאָנדן זומער-כאָלעם
אף דער פּאָן.

און די וואקסן-פּיאָנערן,
ווי א וואלד,
טראָגן אָן א וועלט מיט שטערן
צום קאנאל.

און זיי טופּען אויס דעם יאָנטעוו
מיט די פיס.
גייסט באזינגן אלע פראָנטן,
קאָמוניסט.

דו קענסט האסן, דו קענסט ליבן,
קאָמוניסט,
מאכסטו אלע וועלטן איבער,
קאָמוניסט.

קארנאוואלן, קארנאוואלן,
ליכט און בלענד,
מיר פארשטאָפּן וואסערפאלן
מיט די הענט.

און מיר שטעלן אופעט נייע
מיט די הענט.
פייער, פייער. ליכט און פייער,
ליכט און בלענד.


ПЕРЕКОВКА

ג. פּ. או.

שטעל איכ פריער צוויי-דריי פראגנ.
הערט זיכ צו.
ווער קענ שלאָגנ זיכ אונ וואגנ?
ג. פּ. או.

גוט, אונ ווער וויל גאָרניט וויסנ
פונ קיינ רו?
— קאָמוניסטנ, קאָמיוגיסטנ,
ג. פּ. או.

וועמען שטעלט זיך פאר א מוסטער
איך און דו?
—אונדזער העלדישע באוועסטע
ג.פ.או.

אונדזער העלדישע און בעסטע
ג. פ. או.
הילכט מיט האמערם פון פארמעסטונג:
—טון-טאָן-טו.

ס'וואקסט די בויונג אומגעהויער
דורך מעסלעס.
שלאָגן זיך קאנאל-ארמייער
אין פארמעסט.

ס'ענדיקט אייזיק באלד זיין האמבע
מי איז—רום.
זיין בריגאדע איז באקאַנט דאָ
אומעטום.

און ער גרויסט זיך:—אָט די יאָטן,
ווייס איך קלאָר,
וועלן מער שוין ניט פאראטן,
ערנוואָרט.



ביטע—שווימ

צוואָנציק העלדישע כאדאָשימ —
מיטנ בליק...
ליגנ יאמענ אָפּגעשלאָסנ
אונ באזיגט.

אָפּגעטעמט, עס איז פארטיק
דער קאנאל.
ליכטיק, ציכטיק אונ גרויסארטיק
אונ באשטראלט.

ווישט אָפּ יעדער פֿונ זײַנ שטערנ
שטיקער זונ.
זאָל דאָס גאַנצע לאַנד דערהערנ
ווענג אונדז.

אײַ, דו לאַדאָגע, אָנעגע,
ווײַסער יאַם,
ענדלעכ האָט איר זיכ באַגעגנט,
זײַט באַקאַנט.

בײַטע, שווימט דורכ שליוזנ טיפֿע,
רײַס נאָכ רײַס.
וועט איר מוזנ שלעפּנ שיפֿנ,
ווײַל מענ הײסט.

איבער שליוזנ, איבער טײַכנ—
אונדזער שטים:
—נאָט א וואַסער־וועג א גלײַכנ,
ביטע—שווים.

קענסט דעם ווײַסנ יאַם דערלאַנגענ,
לענינגראַד,
אונ עס קלינגענ פֿולע קלאַנגענ
א וויוואַט.

אײַזיק קוקט אַף זײַנע יאַטן,
זיי—אַף אים.
—אונדז וואָלט אויכעט ניט פאַרשאַטן
אַזאַ שווים.

—ווי האַלסטו? מע וועט נאָך אויכעט
טאָן אַ שווים?
ענטפערט אײַזיק מיט אַ שמייכל:
—נאָך אַ מין!

וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פראַגע?
אַ וואָפראָס?
ווער זשע זײַט איר דאָס? בראָדיאַגעס?
אָדער וואָס?

וואָס מיר גנייוועס? פרעמדע דירעס?
דאָס און יענץ?
איר זײַט איצטער בריגאַדירן,
סאַמע מענטש.

איר אַזעלכע און אַזוינע,
טרײַע זין—
איז מיט אלעמען איגיינעם:
שווים און שווים.

קומענ מעכטיקע פֿאַלאַנגעס
אינ מײַנ זאַט,
אונ עס קלינגענ פֿולע קלאַנגענ
אַ וויוואַט.

יאָגט זיכ, טראָגט זיכ אַ וויוואַט.
מאָסקווע, מינסק אונ לענינגראַד,
אונ דער גאַנצער סססר
וועט באַלד אָנקומענ אַהער.

קאָפּ אַפּ קאָפּ—אײנ גרויסער וואַלד,
הענט אינ הענט—אײנ פֿעסטע קײט.
ס'וועט באַלד אויסברעכנ די פֿרײד
אינ ווײַסיאַמישנ קאַנאַל.

אונ דער עלטסטער ג.פּ.או.
אינ דער אָנגעשטרענגטער רו
גיט דעמ גרײַזנ קאָפּ אַ קער:
—ביטע, כאַווער אינזשעניער.

אונ אײַזיק גיט אַ שטויס אַ שפּונט,
אַז ס'גיט אַ הילכ דער גאַנצער גרונט.
אַז ס'גיט אַ ריס, אַ שטויס, אַ פֿאַל,
עס שוימט, עס שרײַט דער וואַסערפֿאַל

האַ-האַ—עס הילכט! האַ-האַ—עס לעבט!
און שטראָמען שפּאַלטן זיך די קעפּ.

נאַדוואָיצי—דאָ! נאַדוואָיצי—דאָרט!
עס יאָגט אַהער דאָס גאַנצע דאָרף.
און קינד-און-קייט! און יונג-און אַלט:
—איי-איי, עס לעבט דער וואַסערפאַל,
אונדזער אַלטער וואַסערפאַל.

פּלוצלונג זאָגט דער עלטסטער:—סטאָפּ!
איציק הייבט אויף הויך דעם קאָפּ,
ער גיט צוריק אַ שטויס אַ שפּונט,
און ס'גיט אַ שטילן זיפץ דער גרונט,
און ווידער שאַ און שטיל, און פּיין,
ווי ס'וואָלט קיין וואַסערפאַל ניט זיין.

און נאַדוואָיצער גרויע-גרייזע
שטוינען אַלץ,
—זע נאַר, הער נאַר, אַזאַ מייַסע,
אַזאַ פאַל.

וויל מען, לעבט דער וואַסערפאַל דאָ
וויל מען—סטאָפּ.
און אַ מאָדנע פרייד באַפאַלט זיי
און שרעקט אָפּ.

און זיי רײַבן זיך די אויגן
לאַנגזאַם-שטיל.
—זע נאָר, וואָס איז דאָ פֿארפלויגן
פֿאַר א שפּיל?

—אײַ, דו פֿירינ, אײַ דו כאַווער,
דו טשעקיסט.
און זיי האָבן מיט היסלאָוועס
אים באַגריסט.





שיפֿן פֿירן

אזא שיינער, אזא טיפֿער
דער קאנאל.
שווימען שיפֿן, שווימען שיפֿן
אין קאנאל.

ניט פֿארבײַ נאָרוועגן—שוועדן,
דורך גאָלפֿשטראָם,
דארף מען דאמפֿערן און רעדערן
דעם שטראָם,

ביזקל וואנענ צו ארכאנגעלסק
קומסטו צו,
ליקווידירט האָט איצט דעמ מאנגל
ג.פ.או.

ביז ארכאנגעלסק קענסטו שווימענ
איצטער לײַכט:
אונדזער ערד אונ אונדזער הימל.
אונדזער טײַכ.

קיינער קענ שוינ אונדז ניט שטערנ:
—שטיי! וווהינ?
אונטער אונדזער רויטנ שטערנ—
זיכער שווימ.

שיטנ זיכ פאוואָליע שטערנ
אינ קאנאל.
אונ זיי ווערנ ניט אונ ווערנ
אינ קאנאל.

שווימענ פליטערלעכ אונ שטיפנ
אינ קאנאל,
שווימענ שיפנ, שיפנ, שיפנ
אינ קאנאל.

פירנ שיפנ אפאטיטנ—
פארנ לאנד.
פעסער פיש אונ פעטס פונ קיטנ,
סאמע טײַערסטע גראניטנ—
פארנ לאנד,
פארנ לאנד.

שיקט אהערצו דינסטע לײַנענ
וואָזניעסענסק,
שטאָל אונ צוקער שיקט אוקראינע.
זיסע ווײַנטרויבנ אונ ווײַנענ
שיקט טאשקענט,
שיקט טאשקענט.





די שיפ גייט הויך

ס'איז דער קאנאל א ברייטער און דער ברייט.
ס'איז דער קאנאל א טיפער און דער טיפ.
אָן שווימט אהער א גרויסע-גרויסע שיף.
יאָ, יאָ א שיף, א שיף א גרויסע גייט.

זי גייט ארויף, זי שווימט אַלץ אינדערהויך,
מע זעט שוין גוט די רינגעלעך פֿון רויך.
מע זעט שוין גוט, ווי ס'שטייט לעבן פּארענטש
א וווקסיקער, ביז גאָר א הויכער מענטש.

ווער איז ער דאָס דער הויכער קאָמאנדיר
אין גרינלעכן אין פּראָסטן כאקי-פרענטש?
ער גיט די וואָנצן שמייכלענדיק א ריר,
וואָס שמייכלט ער, דער הויכער-הויכער מענטש?

די שיף גייט גיך, זי קומט באלד אָן אהער.
—איי-איי ס'איז ער—שרייט אוים א פּיאָנער.
—יאָ, יאָ, ס'איז ער—שרייט אוים שוין אפּן קאָל
דער אינפּענזאמלטער, דער גאַנצער קאָמסאָמאָל.

דער שלאָגלער זינגט. עס רעדט דער קאָמוניסט:
— כאַווער סטאלין, פירער, זיי באגריסט.

יאָ, יאָ, ס'איז ער. ער הייבט אוף שטיל דעם קאָפּ,
די הויכע שיף ער שטעלט אוויילע אָפּ.

ער רעדט נית הויך, נאָר ס'הערט זיך אזוי גוט,
און ס'הילכט באַ אלעמען אין אָדערן דאָס בלוט.

עס אָטעמט טיף דער גאנצענער קאנאַל
און ס'דאכט—מע זינגט דעם „אינטער-
נאציאָנאל“

מע זינגט. געזאנג. מע זינגט. געזאנג.
עס גייט די שיף אין גרויסן גאנג.
פון מאַטעריק צו מאַטעריק.
מיט א פאַרזשמורעט ווייטן בליק
באַם רודער אונדזער סטאַלין שטייט.
און ס'גייט. עס גייט. און ס'גייט, עס גייט.
דורך שטראָמען ליכט און שליווזן פרייד.

וואַסערפאַלן. וואַסערפאַלן,
קלאָרע, גילדערנע קאַנאַלן

פירן אויך שוין הויכע שיפן
אויף די דורכזיכטיקע טיפן.

און אויף דאָרעמ און אויף צאָפן,
אלע וועגן זיינען אָפן.

פון איין פּאָליוס ביזן צווייטן—
אונטער העכסטע פאָנעס רויטע.

אונדזער שיף איז שוין פאַראַנען—
אויף די וועלט-מערידיאַנען.

אזוי הויך און גרויס מיר שווימען,
ווי די שטערן אין דעם הימל.

ווי דער ליכטיקער באגינענ,
ווי דער טאָג, וואָס מיר געווינענ

אונ מיר האָבנ זיך באוויזנ
אפנ רעיד פונ סאָציאליזמ.



אינהאלט

	זײַט
באמ שײַטער	5
געאָגראפיע ווייסנ אלע	8
גאדוואָיצער וואסערפאל	11
ווענ ס'פארטראכט זיכ אונדזער פירער	14
אונ די בויונג הייבט זיכ אָנעט	17
אײַזיק גאָגאָל	21
אײַזיק גאָגאָל אונ זײַנ בריגאדע	30
אפנ טאָג ערשט אפנ אכטנ	36
א סאקאָנע אפ דער בויונג	39
דער וואסערפאל הערט אופ צו וואָיענ	44
ג. פ. או.	47
ביטע—שווימ	49
שיפנ פירנ	55
די שיפ גייט הויכ	58

דרוקערײַ א. נ. סטאלינ. באשט. 1050. טיראזש 6000. גלאווליטבעל 7888.